# פרשת כי תשא י"ב – י"ח אדר א' תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת כי תשא***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות לרגל נישואי נכדת **כ"ק מרן רבינו שליט"א,** שנערכה על ידי בני הכוללים בוויליאמסבורג ובבארא פארק, והתקיימה בבית מדרשנו בוויליאמסבורג. בסעודת השבע ברכות נאמו: הר"ר **אברהם יואל יאקאבאוויטש** הי"ו, הרה"ג רבי **מיכל ניימאן** שליט"א, האברך הר"ר **זלמן לייב ווייכבראט** הי"ו (וומסב"ג), האברך הר"ר **פנחס קנאפלער** הי"ו (ב"פ). אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש (תוכן הדברי תורה נדפס בגליון דברי תורה).

***וזה תוכן הדברי תורה: (מה שלא נדפס בגליון דברי תורה)***

**עס** איז ביי מיר איינע פון די חשוב'סטע שבע ברכות, ווען איך בין צוזאמען מיט די בני הכולל. א אמת'דיגע סעודה שתלמידי חכמים מסובין בה, וואס די גמרא (ברכות סד:) זאגט, אז עס איז כאלו נהנה מזיו השכינה. ווען מען זיצט ביי א סעודה מיט בני תורה, איז עס אזוי ווי מען איז נהנה מזיו השכינה. וואס דארף מען א גרעסערע שמחה, ווי מיט די בני הכולל אינאיינעם. - עס קען זיך אמאל דאכטן, וואס טוט זיך מיט ביטול תורה? מען זיצט און מען לערנט פלייסיג, און מען גיט אוועק צייט משמח צו זיין חתן און כלה. אין הלכה (עיין מגילה ג:) איז געפסק'נט, אז מבטלין תלמוד תורה לשמחת חתן וכלה....

*

מספרים על **הגה"ק בעל החתם סופר זי"ע**, שבנערותו האריך בתפלה, ואמר לו חבירו שבשעה זו למד הוא כבר כמה דפים גמרא. והשיב לו הלא אמרו חז"ל (ברכות נד:) המאריך בתפלתו מאריכין לו ימיו ושנותיו. ואם כן עבור אריכות תפלתו יוסיפו לו עוד שנים לימי חייו, ואז ישלים תורתו שנחסר לו ע"כ.

**והוסיף רבנו:** און אז מען רעדט צו בני תורה, ב"ה מען זיצט און מען לערנט פלייסיג. אבער מען דארף אויך וויסען די חשיבות פון תפלה. מען גיט נישט אוועק גענוג צייט פארן דאווענען, דאס דאווענען איז אסאך מאל נאר מן השפה ולחוץ. מען קומט אן שפעט, באלד דארף מען שוין גיין אין כולל, און מען דארף נאך עפעס עסן פאר דעם, ווערט דאס דאווענען אסאך מאל אזוי צוגאנגען, אז אמאל איז עס אפילו ווייניגער ווי א פשוטער יוד דארף צו דאווענען. און עס איז נישט ריכטיג. בני תורה דארפן וויסען, אז אויב זיי ווילן מצליח זיין אין תורה, איז זייער וויכטיג צו דאווענען. מען האט אמאל אוועקגעגעבן ניין שעה א טאג פארן דאווענען, און מתוך שחסידים הן תורתן מתברכות (ברכות לב:). מיר רעדן נישט פון אוועקגעבן ניין שעה, אבער עכ"פ די שעה וואס מען גיט אוועק פאר תפלה, דארף מען זיין אפגעזונדערט פון אלעם ארום און ארום, און נאר ליגן אין די ווערטער פונעם דאווענען, און מתפלל זיין, און דעמאלטס קומט אריין א ברכה אין די תורה...

*

כדאי לחזור על דברי **המסלת ישרים** (פרק יא) שמאריך בגנות מדת הקנאה, וכתב, אמנם יש מי שסכלותו רבה כל כך, עד שאם יראה לחבירו איזה טובה יתעשש בעצמו וידאג ויצטער, עד שאפילו הטובות שבידו לא יהנוהו מצער מה שהוא רואה ביד חבירו. והוא מה שאמר עליו החכם (משלי יד-ל), ורקב עצמות קנאה. אמנם יש אחרים שאינם מצטערים וכואבים כל כך, אף על פי כן ירגישו בעצמם איזה צער, ולפחות יתקרר רוחם בראותם אחד עולה איזה מעלה יתירה, אם לא יהיה מאוהביו היותר דבקים לו, כל שכן אם מאותם אשר אין לו אהבה רבה עמו הוא, כל שכן אם יהיה גר מארץ אחרת. ותראה שבפיהם אפשר שיאמרו דברים כשמחים, או מודים על טובתו, אך לבם רעה בקרבם, והוא דבר יארע על הרוב ברוב בני האדם, כי אף על פי שלא יהיו בעלי קנאה ממש, אמנם לא נקי ממנה לגמרי. כל שכן אם בעל אומנתו מצליח בה, שכבר כל אומן סני לחבריה (ב"ר יט-ב), וכל שכן אם מצליח בה יותר ממנו ע"כ.

**והוסיף רבינו:** יעדער בן תורה האט שאיפות, ער וויל שטייגען, ער וויל נישט בלייבען א כולל יונגערמאן. קודם וויל ער זיין א מגיד שיעור, נאכדעם וויל ער ווערן א ראש ישיבה, נאכדעם וויל ער ווערן א רב, נאכדעם וויל ער ווערן א גרויסער רב. עס האט אסאך הדרגות אין גרויסקייט, ווי אזוי עס גייט. און אסאך מאל זעהט ער ווי דער חבר איז מצליח, און ער איז נישט אזוי מצליח. דער חבר

האט געטון א בעסערן שידוך פון אים, און ער האט נישט געטון אזא גוטן שידוך. דער חבר האט ב"ה ווער עס האלט אים אויס, און ער האט נישט ווער עס זאל אים אויסהאלטן. פאר דעם חבר גייט גוט אין שטוב, דער חבר איז געבענטשט מיט געראטענע קינדער, און ער האט דאס נישט, און אזוי ווייטער און ווייטער, וואס דאס גאנצע לעבן פונעם מענטש, אויב מען ארבעט זיך נישט אויס די מדות, איז מען מלא קנאה. אלץ פעלט אים, און ווען ער קוקט אן, זעהט ער אייביג ווי יענער האט מער פון אים.

**דער** הייליגער **רבי ר' אלימלך** זאגט (אין זיין תפלה), שנראה כל אחד מעלת חברינו ולא חסרונם. פארוואס זאגט מען א דאפעלטע לשון, מען זאל זעהן די מעלות פון א חבר, און נישט זייער חסרון. אוודאי אז מען זעהט די מעלה פונעם חבר, זעהט מען נישט די חסרונות. נאר עס איז דא מענטשען וואס זעהן די מעלות פון א חבר, אבער ווען ער זעהט די מעלה פונעם חבר, זעהט ער אויך זיין חסרון. ער טוט זיך אפמעסטן, האב איך אויך אזוי ווי יענער, אדער האט יענער מער פון מיר, און מיט וואס האט יענער מער פון מיר. 'נראה' איז נישט נאר טייטש מען זאל 'זעהן', 'נראה' איז אויך טייטש אז עס זאל 'געפעלן'. 'שנראה כל אחד מעלת חברינו', עס דארף געפעלן פאר א יוד ווען ער זעהט ביים חבר א מעלה, 'ולא חסרונם', און נישט קוקן אז ביי דיר פעלט עס. אפילו ווען ביי דיר פעלט עס, דו האסט עס נישט, ווערסטו גארנישט פארדינען פון די קנאה. דער אייבערשטער האט פאר דיר באשערט וואס דו דארפסט האבן, און פארן חבר האט ער באשערט וואס ער דארף האבן. אין אדם נוגע במוכן לחבירו (יומא לח.), קיינער נעמט נישט צו פונעם צווייטן, און א מענטש דארף זיין צופרידן, דער רבונו של עולם גיט פאר יעדעם איינעם זיינס. ווען דו זעהסט אז דער חבר איז מצליח, דארפסטו האבן א גוט הארץ. ואהבת לרעך כמוך (ויקרא יט-יח), דו וואלסט זיך געפרייט ווען דו ביזט מצליח, פריי דיך אויך ווען דיין חבר איז מצליח. ווען דיין חבר מאכט א שמחה, פריי דיך מיט יענעמס שמחה. אפילו ווען עס שטערט דיך אסאך מאל, פארוואס האב איך נישט זוכה געווען צו אזא שמחה, פארוואס האב איך נישט עררייכט וואס דער חבר האט באקומען, דארף א מענטש נישט קוקן אויף דעם, נאר זיך אוועקגעבן משמח צו זיין, זיין חבר, און זיך מיטצופרייען מיט זיין שמחה...

*

**וסיים דבריו:** וואס דער מוסר השכל דערפון איז, מען דארף זיין א לב שמח בגדולת חבירו. נישט קוקן אז דער חבר איז מער מצליח, דער חבר האט מער פון מיר, נאר מען דארף זיך מיטפרייען מיט יענעמס שמחה. דער חבר מאכט א שמחה, אפילו ער אליין האט נישט געמאכט די שמחה, דארף מען זיך מיטפרייען. ואהבת לרעך כמוך, אזוי ווי דו אליין. ביי דיין שמחה פרייסטו זיך, דארפסטו זיך אויך פרייען מיט יענעמס שמחה.

**יעדער** האט זיך זיין חלק אויף די וועלט, איזהו עשיר השמח בחלקו (אבות ד-א), יעדער דארף זיין צופרידן מיט דעם חלק וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן. הלואי זאל ער קענען אויסנוצן פארן אייבערשטען ווי עס דארף צו זיין, וואס מען האט אים יא געגעבן. וואס מען האט דיר נישט געגעבן, דאס איז נישט דיין עבודה, דאס באלאנגט נישט צו דיר. פריי זיך אז מען האט דיר נישט ארויפגעלייגט די ארבעט, פריי זיך מיט וואס מען האט דיר יא געגעבן, דאס זאלסטו קענען אויספירן.

**דאס** איז געווען די גדולה פון אהרן, אהרן קדוש ה' וואס איז געווען לב שמח בגדולת אחיו, ער האט זיך געפרייט מיט די גרויסקייט פון אנדערע. מען ווייסט, אז עס איז היינט א געוואלדיגער נסיון צו זיין א לב שמח בגדולת אחיו, עס איז נישט אזוי פשוט, גדולים וטובים קענען דאס נישט אדורכטראגען. דאס איז געווען די מדריגה פון אהרן קדוש ה', דאס הייסט א קדוש ה', א יוד וואס איז הייליג פארן אייבערשטען, זיין גאנצע עבודה איז נאר צו טון דעם רצון ה'.

**איך** האב אנגעהויבן, **אז א יונגערמאן האט שאיפות, ער וויל אנקומען צו העכערס און נאך העכערס, קודם וויל ער ווערן א מלמד, און נאכדעם א מגיד שיעור, און א ראש ישיבה, און אזוי ווייטער.**

**עס איז זייער גיט די שאיפות, מען דארף עס האבן, ווייל אז נישט הערט זיך אויף די וועלט. אבער עס טאר נישט ווי טון, אויב ער איז נישט צוגעקומען.** ער דארף האבן שאיפות, ער דארף זעהן צוצוקומען צו וואס ער קען, אבער טאמער איז ער נישט צוגעקומען דערצו, דארף ער עס מקבל זיין, דאס איז דער רצון פונעם אייבערשטען, און איך וויל טון אזוי ווי דער אייבערשטער וויל.

**אבער** איך וויל ענק זאגען איין זאך, **ווען מען קומט שוין צו צום סוף, דארט צום שפיץ בארג ווי מען זאגט, בענקט מען זיך צוריק צו זיין אין כולל, עס איז גארנישט קיין גליקען וואס מען מיינט אז עס איז גליק'ען, עס איז אלעס נאר אויסענווייניג, גוט איז די יארן וואס מען זיצט נאך די חתונה, און מען לערנט תורה, און מען איז זיך מקדש פארן אייבערשטען. מען ליגט אין תורה, מען האט נישט אינזין די אלע נארישקייטן, מען איז נישט פארנומען מיט מענטשען, מען האט גארנישט וואס צו טון, נאר מען קען זיין אן עובד ה' ווי עס דארף צו זיין פון צופרי ביז ביינאכט. עס דאווענט זיך אנדערש, עס לערנט זיך אנדערש, עס איז דא וואס צו אפרישיעט'ן ווען מען איז אין כולל, עס איז גארנישט קיין גליק'ן ווען מען גייט ארויס דערפון.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל זיך קענען שטענדיג פרייען איינער מיטן אנדערן'ס שמחה, יעדער זאל קענען נתעלה ווערן ווי ווייט ער קען, און אויסנוצן די כוחות הנפש וואס ער האט יא. נישט זיין פארנומען מיט וואס מען האט אים נישט געגעבן, נאר זיין פארנומען מיט וואס מען האט דיר יא געגעבן. אויסצונוצן די כוחות עד מיצוי הנפש, צו תורה און עבודת ה'. דער אייבערשטער זאל געבן אז מיר זאלן זיך קענען פרייען איינער מיטן אנדערן'ס שמחות, מיט אן אמת'דיגע שמחה, אמת'דיג זיך מיטפרייען מיטן חבר'ס שמחה, אזוי ווי עס וואלט געווען א אייגענע שמחה. אין זכות פון שמחה זאלן מיר זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל השבע ברכות שנערכה בהיכל הישיבה קטנה במאנסי. במשך השבע ברכות נאמו: הראש ישיבה הרה"ג רבי **יואל גרובער** שליט"א, הרב רבי **בנציון קרויס** שליט"א (ר"מ בישיבתנו הק'). הרב רבי **אברהם משה זילבער** שליט"א (ר"מ בישבתנו הק') השמיע חרוזים לכבוד השמחה. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. אחר כך נשמעו דברי תורה וזכרונות מימי קדם מאת הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א, והביע רגשי לבבו על הרחבת גבולי הקדושה תחת דגלו של **רבינו שליט"א**.

אחר השבע ברכות השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **משה לעפקאוויטש** הי"ו (מאנסי, חתן הרב **יצחק פריעדמאן** שליט"א, וומסב"ג), עב"ג בן הר"ר **אליעזר יודא פאגעל** הי"ו (ב"פ), שהתקיים בבית הר"ר **מנחם הערצאג** הי"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות שנערכה על ידי מחותנו **הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א**, שהתקיים בבית המדרש טערצאל (מאנסי).

אחר השבע ברכות נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של ש"ב בן **הרה"ג רבי משה פלאם שליט"א** אב"ד סטרעטין (פלעטבוש, חתן הגה"צ אב"ד גרויסווארדיין שליט"א, סטעטן איילאנד), עב"ג בת **הרה"ג רבי ישראל מרדכי ראבינאוויטץ שליט"א** (נכד הגה"ק מסקאליע זצ"ל), שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד מצוה טאנץ לפני הכלה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת כי תשא***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות שנערכה על ידי ילדי התתי"ם בוויליאמסבורג בארא פארק ומאנסי, שהתקיימה בהיכל בית מדרשנו בוויליאמסבורג. הרב **משה יואל גערטנער** שליט"א (מנהל הת"ת בב"פ) השמיע דברי פתיחה, וכיבד את **הרה"ג רבי ברוך מאסקאוויטש שליט"א** אב"ד יאמפאלי (מנהל הת"ת במאנסי) בדברי ברכה. אחר שזימרו ניגוני שמחה, מסר הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א (מנהל הת"ת בוומסב"ג) מתנה **לרבינו שליט"א** אלפי שעות רצופות שלמדו ילדי התלמוד התורה לכבוד השמחה. אחר כך

השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש, בסיום דבריו השמיע הר"ר **אלי' שווייצער** הי"ו דברי בדחנות.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה, צו זיצען ביי א שבע ברכות צוזאמען מיט די חשובע בחורים און קינדער פון די תלמוד תורה, וואס זיצען און לערנען די הייליגע תורה הק' יומם ולילה. פיקודי ה' ישרים משמחי לב (תהלים יט-ט), די וואס לערנען תורה, די האבן שטענדיג שמחה אין זיך, ווייל תורה איז משמחת, תורה טוט דערפרייען די הארץ פון א יוד.

**ביי** א שבע ברכות איז די סדר, אז ווען מען בענטשט גיט מען א עקסטערע טיטל פארן אייבערשטען. מען זאגט, נברך לאלקינו 'שהשמחה במעונו' שאכלנו משלו, לאמיר דאנקן פארן אייבערשטען, וואס די שמחה איז אין זיין וואוינונג. - און מען איז מתפלל ביי די שבע ברכות, 'שמח תשמח רעים האהובים', אז דער אייבערשטער זאל משמח זיין די חתן כלה, 'כשמחך', אזוי ווי דו האסט משמח געווען אדם הראשון און חוה, 'יצירך', וואס דו האסט זיי באשאפן, 'בגן עדן', ווען זיי זענען געווען אין גן עדן, 'מקדם', וואס איז אויף מזרח זייט.

**דער** הימל איז א פלאץ וואס איז מלא שמחה. די גמרא (חגיגה ה.) זאגט, אין עצבות לפני הקב"ה, עס איז נישט דא אויבן קיין טרויעריקייט, עס איז נישט דא קיין צוגעלייגטקייט, דער הימל איז א פלאץ פון שמחה. עוז וחדוה במקומו (דברי הימים א טז-כז), אויבן אין הימל ביים אייבערשטען איז עוז וחדוה, עס איז שטענדיג שמחה.

**איך** האב אמאל געהערט (הובא **במנות הלוי** על מגלת אסתר), **אז מען זעהט א קליין קינד, ווען מען וויל אז ער זאל זיין רואיג, הייבט מען אן צו זינגען פאר אים א ניגון, און דאס קינד הייבט אן צו ווערן רואיג. אבער א עלטערער מענטש ווען ער וויל גיין שלאפן, און איינער וועט אנהייבן צו שפילן מוזיק, וועט ער זאגן, הער אויף צו שפילן, און לאז מיך גיין שלאפן.** פארוואס איז עס אזוי, פארוואס ווערט א קינד איינגעשלעפט ווען ער הערט מוזיק, און פאר א עלטערן מענטש שטערט די מוזיק.

**ווען** א קינד קומט אראפ אויף די וועלט, קומט ער פון אויבן אין הימל. דער הימל איז א פלאץ פון מוזיק, עס איז א פלאץ פון שמחה. און ווען ער קומט אראפ אויף די וועלט, איז די מוזיק שטיל. אויף די וועלט איז נישט דא די ריכטיגע שמחה, עכ"פ אזוי ווי עס איז דא אויבן, הייבט ער אן צו וויינען. ווען מען הייבט אן צו זינגען פאר אים, דעמאלטס ווערט ער צוגעוואוינט צו די מוזיק וואס ער האט געהערט אויבן, און ער הייבט זיך אן צו בארואיגן, און ער שלאפט איין. אבער א עלטערער מענטש, ווי ווייט ער איז אפגערוקט געווארן פון זיין שורש, פון זיין שמחה, מאכט אים נישט די שמחה רואיג, און די שמחה קען אים אסאך מאל שטערן, ער וויל יעצט שלאפן און עס שטערט אים. - שהשמחה במעונו, אויבן אין הימל איז א פלאץ וואס איז נאר שמחה, נאר פרייליכקייט. און ווען עס קומט זיך צוזאם א יודישע שידוך, און עס איז דא א שמחה אויף די וועלט, טוט מען ארויסברענגען אז די שמחה איז במעונו, דאס איז די נאטורליכע שמחה פון מעון, א שמחה פון אויבן אין הימל.

**ווער** איז געווען דער פרייליכסטער מענטש אויף די וועלט? אדם הראשון מיט חוה. פארוואס? ווייל א מענטש האט שמחה ווען ער האט אלעס, אבער ווען עס פעלט אים עפעס, און עס קוועטש אים, קען ער נישט זיין אזוי פריילך. אדם הראשון האט פארמאגט אלעס וואס מען קען האבן, דער אייבערשטער האט אים איבערגעגעבן די גאנצע וועלט, און עס איז געווען זיינס. ער האט נישט געהאט קיין שום קאנקורענט, ער האט נישט געהאט קיינעם פאר א שותף, וואס האט ביי אים עפעס צוגענומען. אלעס וואס איז דא אויף די וועלט, איז געווען זיינס. עס איז נישט דא נאך א מענטש וואס קען זאגן, אז אלעס וואס איז אויף די וועלט איז זיינס. עס איז דא אויך אנדערע מענטשען אויף די וועלט, און יעדער באקומט א חלק פון די וועלט, אבער אדם הראשון האט געהאט אלעס.

**אדם** הראשון האט געהאט צוויי קינדער, קין און הבל. און קין האט זיך געמאכט א חשבון, איך האב אויך א ברודער, און איך וועל זיך דארפן טיילן די

וועלט, א חלק פאר מיר, און א חלק פאר הבל, האט ער געהאט קנאה, און ער האט עס נישט געקענט אויסהאלטן, אז ער וועט נישט האבן אלעס, נאר יענער וועט אויך עפעס האבן, האט ער געהרג'ט הבל, איך גיי בלייבן אליין. אדם איז געווען אליין, און ער האט געהאט די גאנצע וועלט, און איך קין וועל אויך נאכדעם האבן די גאנצע וועלט. ווען א מענטש האט קנאה, פעלט אים אין שמחה. יענער האט, און איך האב עס נישט. אפילו ווען ער איז א עושר, אבער יענער האט מער פון מיר. ער האט נחת, אבער יענער האט מער נחת פון מיר. אין די וועלט וואס איז א וועלט פון קנאה, קען א מענטש נישט זיין דער ריכטיגער שמח, ווייל רקב עצמות קנאה (משלי יד-ל), קנאה ברענגט א ערגערניש אינעם מענטש, וואס נעמט אים אוועק די שמחה.

**ווען א מענטש ווערט שיכור, איז ער בשמחה. פארוואס ווערט ער דעמאלטס בשמחה, ווייל דעמאלטס פארגעסט ער פון די גאנצע וועלט, ער ווייסט פון גארנישט, עס אינטערעסירט אים נישט יענער, עס אינטערעסירט אים נישט וואס א צווייטער האט, ער לעבט דעמאלטס אין זיינע אייגענע דמיונות, און דעמאלטס איז ער פריילך. ווען ער איז אבער ניכטער, און ער זעהט אז עס איז דא נאך מענטשען אויף די וועלט, און יענער האט אויך, און יענער האט נאך מער פון אים, הייבט אן צו זיין ביי א מענטש קנאה, און עס נעמט אים אוועק די שמחה.**

**אדם** הראשון איז געווען דער פרייליכסטער מענטש אויף די וועלט, עס האט אים גארנישט געפעלט, אלעס וואס איז דא אויף די וועלט האט געהערט פאר אים. ער האט נישט געהאט נאך א קאנקורענט, א צווייטען מענטש אויף די וועלט, וואס ער זאל זאגן איך בין מקנא יענעם. עס איז נישט געווען וועם מקנא צו זיין, ער איז געווען איינער אליין אויף די וועלט, איז ביי אים געווען די גרעסטע שמחה וואס א מענטש האט געהאט אויף די וועלט.

**איז** מען מתפלל און מען בעהט, 'שמח תשמח רעים האהובים', אז דער אייבערשטער זאל משמח זיין די רעים האהובים, 'כשמחך יצירך בגן עדן מקדם', אזוי ווי אמאל ווען אדם הראשון איז געווען אין גן עדן, בעפאר עס האט זיך אנטוויקעלט א וועלט, איז אדם הראשון געווען דער גרעסטער בעל שמחה וואס איז דא, אזוי זאל דער אייבערשטער משמח זיין די רעים האהובים.

**קומט** אויס, אז אויף די וועלט פעלט שמחה. מען איז פריילער, אבער אלץ איז אויך דא א זאך וואס קוועטשט. אבער די וואס לערנען תורה הק', די וואס ליגען אין לערנען תורה, וואס איז פקודי ה' ישרים משמחי לב, וואס ברענגט אריין א שמחה. תורה טוט אויסאיידלען דעם מענטש, אז מען האט נישט קיין קנאה אויף א אנדערן, עס אינטערעסירט אים נישט וועגן א צווייטן. מען טוט וואס מען דארף צו טון, ער לערנט, ער דאווענט, ער דינט דעם אייבערשטען, דעמאלטס קען ער זיין פריילך. ווען א יוד איז מקיים די תורה ווי עס דארף צו זיין, דעמאלטס איז ער בשמחה. - מען זעהט, אז ערליכע יודן זענען אייביג געווען בשמחה, אייביג האבן זיי געהאט א פרייליכקייט, און א שמייכל אויפן פנים. אפילו ווען די שטוב איז געווען ליידיג, און ער האט גארנישט געהאט, פון דעסטוועגן דאך זענען זיי געווען פריילך און בשמחה. ווייל די תורה הק' דאס ברענגט אריין די מדה פון שמחה אין א יוד.

**מען** זיצט ביי א שבע ברכות צוזאמען מיט די חשוב'ע קינדער וואס זיצן און לערנען תורה, זאל דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן קענען זיין שטענדיג פריילך, און די תורה זאל זיי משמח זיין. **איך וויל עקסטער באדאנקן פאר די חשובע תלמידים פון די תלמוד תורה אין וויליאמסבורג וואס האבן געלערנט די אלע שעות רצופות, ווען א מענטש רעדט נישט אויס אינמיטן לערנען, מען זיצט און מען לערנט נאך א שעה און נאך שעה, דאס איז די אמת'דיגע שמחה. ווי פריילך איז ער יעצט, אז ער האט געלערנט אזויפיל שעות תורה, און ער האט נישט אוועקגעגעבן די צייט פאר נארישקייטן. וואס וואלט ער געהאט ווען ער וואלט געשפילט נאך א געי"ם, וואס וואלט ער געהאט דערפון, גארנישט. און אזוי איז ער געזעסן און געלערנט, און ער האט קונה געווען תורה, קונה געווען ערליכקייט, יראת ה', דאס איז די אמת'דיגע שמחה.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז איר זאלט אלץ האבן שמחה אין ענקערע שטובער, שמחה אין ענקערע הערצער, נישט זיין געפאלן ביי זיך, שטענדיג זיין מיט א פריילכקייט, און מיט א פרישקייט, און דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב. ביז מיר וועלן זוכה זיין, ווי עס שטייט אין די גמרא (ברכות יז.) אז לעתיד לבא אין עולם הבא איז א וועלט פון שמחה, ווייל אין עולם הבא איז נישט דא קיין שנאה און קנאה ולא תחרות, דארט קריגט מען זיך נישט, דארט איז קיינער נישט מקנא דעם צווייטן, עס איז נישט דא קיין שנאה, יעדער איז גוט אויפגעלייגט, דאס איז עולם הבא. און אז מען איז זוכה, איז עולמך תראה בחייך (שם), קען א מענטש האבן דעם עולם הבא אין זיין לעבן אויף די וועלט. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען שטענדיג מתוך שמחה וטוב לבב, און מיר זאלן זוכה זיין צו עוד ישמע בערי יהודא ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות שנערכה על ידי קהלתנו הק', שהתקיים בהיכל בית מדרשנו בוויליאמסבורג. בסעודת השבע ברכות השתתפו רבנים ואדמורי"ם שליט"א, וביניהם **כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א, כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א, כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א, כ"ק האדמו"ר מבית יצחק ספינקא שליט"א**, ועוד. אחר שנשמעו דברי תורה ע"י **הרה"ג רבי יעקב שלמה מייזליש שליט"א** אב"ד לימנוב, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש (תוכן הדברי תורה נדפס בגליון דברי תורה). דברי בדחנות נשמעו על ידי הרה"ג רבי **אברהם מרדכי מלאך** שליט"א.

*

***<u>יום שלישי פרשת כי תשא</u>***

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות שנערכה על ידי בחורי הישיבות, שהתקיים בהיכל הישיבה קטנה. אחר שנשמעו דברי תורה על ידי הר"י הרה"ג רבי **יעקב טובי' ווייזער** שליט"א השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. דברי בדחנות נשמעו על ידי הרב **אורי האלברשטאם** שליט"א (תוכן הדברי תורה נדפס בגליון דברי תורה).

***<u>וזה תוכן הדברי תורה: (מה שלא נדפס בגליון דברי תורה)</u>***

**עס** איז היינט א גרויסער טאג, פורים קטן. אין שלחן ערוך (או"ח סימן תרצ"ז) שטייט, אז לויט כמה דיעות איז מען מחוייב במשתה ושמחה אזוי ווי פורים, אבער להלכה נעמען מיר אן, אז עס איז נישט דא קיין חיוב משתה ושמחה. עס איז אזוי ווי מקרא מגילה און מתנות לאביונים, וואס עס איז נאר דא אין פורים אליין. אבער מען פירט זיך, אז מען איז מרבה קצת אין די סעודה פון פורים קטן. און דער רמ"א ענדיגט דערויף, וטוב לב משתה תמיד (משלי טו-טו), ווען איינער האט א גוט הארץ, משתה תמיד, דער זוכט שטענדיג א משתה ווי ער זאל זיך קענען משמח זיין. און עס שטייט אין די פוסקים (רמ"א או"ח תרע-ב) אז ווען מען זינגט שירות ותשבחות, ווערט עס מיט דעם אליין אויך א סעודת מצוה. און כל שכן ווען עס קומט זיך צוזאם מיט א סעודת שבע ברכות, שמחת חתן וכלה, איז עס אוודאי א אמת'דיגע סעודת מצוה וואס מען זיצט אינאיינעם.

**איך** האב אמאל געזאגט (עיין **בשמן ראש** פורים ח"א דף ריא), אז דער רמ"א ענדיגט וטוב לב משתה תמיד. ווייל די שמחה פון פורים האט אין זיך צוויי חלקים. איינס, דער נס וואס איז געשען להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים, און דער אייבערשטער האט מציל געווען יודען. און דאס האט אויך צוגעברענגט שפעטער צו א תוצאה, אז יודען האבן נאכאמאל מקבל געווען די תורה. קימו וקבלו (אסתר ט-כז), קימו מה שקבלו כבר (שבת פח.). ביז יעצט איז געווען קבלת התורה מיראה, כפה עליהם הר כגיגית, און מען האט געהאט א מודעה רבא לאורייתא, אבער בשעת מען האט געזען די נס וואס דער אייבערשטער האט געטון בימי אחשורוש, האבן יודען פרייוויליג מקבל געווען אויף זיך עול תורה. און יעדע שמחת פורים האט אין זיך דער חלק אז מען פרייט זיך אויפן נס, און דער חלק פון שמחת התורה. די גמרא (פסחים סח:) זאגט דאן, אז שבועות דארף מען מאכן א סעודה ווייל עס איז יום שניתנה בו תורה, און פורים איז

דאך אויך געווארן א יום שניתנה בו תורה, קומט זיך א סעודה דערויף.

**די** סעודה וואס מען מאכט פורים אויף דעם זכר פונעם נס, דאס קומט זיך פאר אדר שני. ווייל די גמרא (מגילה ו:) זאגט, אז כאטש עס איז דא א ענין אז מען זאל מאכן אין אדר ראשון, וועגן אין מעבירין על המצוות, אבער אלץ מסמך גאולה לגאולה האט מען עס אפגעשטופט אז עס זאל זיין נאנט צו ניסן. דאס איז שייך אויף דעם ענין פון די סעודה פון די גאולה, אבער די סעודה וואס מען דארף מאכן אויף 'קימו וקבלו, אויף דעם וואס מען האט מקבל געווען די תורה, דאס איז אדרבה אין מעבירין על המצות, די סעודה דארף מען מאכן אין פורים קטן.

**דער** מדרש (רות רבה ה-טו) דרשנ'ט אז ביי בועז שטייט (רות ג-ז) וייטב לבו, דרשנ'ט די מדרש, וייטב לבו, בתורה. קומט אויס, אז טוב לב ווייזט אויף תורה, אין טוב אלא תורה (אבות ו-ג). וטוב לב, ווען איינער איז א טוב לב, ביי אים האט א חשיבות די תורה הק', דער איז משתה תמיד, דער ווארט נישט אויף די סעודה פון פורים שפעטער, וואס דאס איז נאר מסמך גאולה לגאולה, ער מאכט א סעודה פון פריער אויך, ווייל ער האט מקבל געווען די תורה. - און אז מען רעדט צווישן בחורים וואס זענען באמת טוב לב, מען זיצט און מען לערנט אזוי פלייסיג, איז טוב לב משתה תמיד, ביי אונז איז א שמחה פון היינט אן, די טאג וואס מיר האבן מקבל געווען די תורה נישט מתוך כפיה, ווייל מען שטייט אויפן קאפ אז מען מוז לערנען, נאר מתוך אהבה מען פרייט זיך אז מען קען טון דעם רצון הבורא...

*

**וסיים דבריו:** וטוב לב משתה תמיד, מיינט מען נישט משתה תמיד, סתם אז מען זאל עסן און טרינקען און זיך לאזן וואוילגיין, און זיך נאכגעבן די תאוות האכילה, נאר ווי מען האט פריער גערעדט, אז וטוב לב גייט ארויף אויף תורה הק', 'וטוב לב', ווען א מענטש וויל לערנען רואיג, און מטיב זיין לבו בתורה, 'משתה תמיד', דער קען שטענדיג עסן, ווייל זיין עסן איז א קדושה, זיין עסן איז כדי אים צו געבן כח און חיות, ער זאל קענען דינען דעם אייבערשטען. אז מען נוצט אויס די משתה פאר טוב לב, אז מען זאל זיצען און לערנען, דאס איז משתה תמיד, איז אייביג א חשיבות די משתה וואס מען מאכט. ווייל יעדע סעודה, אפילו א פשוטע פרישטאג, קען ער מקדש זיין, אז עס זאל ווערן גערעכנט ביי אים א סעודת מצוה.

*

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל האחים הר"ר **משה לאקס** הי"ו, ואחיו הר"ר **מרדכי דוב לאקס** הי"ו, שישבו שבעה על פטירת אחותם ע"ה.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**הר"ר משה:** ווען מיין טאטע איז געקומען פון ארץ ישראל, האט ער געדאווענט אין סאמבאטהעלי בית המדרש, און ער האט געזאגט, איך וויל דאווענען ביים רבי'ן אייניקל.

**הר"ר מרדכי דוב:** ווען ער האט געזאגט דעם רבינ'ס אייניקל, האט ער געמיינט דעם **שאמלויא'ער רב**. זיי האבן צוזאמען געלערנט ביים **שאמלויא'ער רב**.

**הר"ר משה:** דער טאטע האט געהאט אין שאמלויא זעכצן בחורים מיט וועם ער פלעגט צו חזר'ן. איינמאל האט זיי דער **שאמלויא'ער רב** פארהערט, און זיי האבן נישט געקענט. האט ער גערופן דעם טאטן, און ער האט געזאגט, יבא בעל השור ויעמוד על שורו (לשון הגמרא ב"ק קיב:). און ער האט אים פארהערט די תוספות. דער טאטע האט געקענט גוט גראמען, האט ער געזאגט, 'אומר רבינו תם, איך וועל זאגן דעם תוספות אויפן גראם'. און מיין טאטע האט געזאגט פארן **שאמלויא'ער רב** דעם גאנצן תוספות אויפן גראם. און דער **שאמלויא'ער רב** האט זייער הנאה געהאט.

**רבינו:** עס איז דא א מלאכה, און עס איז דא א גרא"ם מלאכה.

**הר"ר מרדכי דוב:** דער פעטער רבי יעקב שלמה לאקס פלעגט פארציילן, אז ער האט געלערנט אסאך יארן ביים **שאמלויא'ער רב**, און דער **שאמלויא'ער רב** פלעגט זאגן, אז ווען ער איז אלט געווען אכצן יאר איז ער געשטאנען ביים בעט פונעם **קול אריה**, און ער האט געזאגט צום זיידן,

איך קען נאכנישט מחדש זיין. האט ער אים געזאגט, דו וועסט נאך מחדש זיין אזויפיל חידושים, אז דו וועסט נישט קענען גענוג שרייבן. אזוי האט ער פארציילט.

נאכדעם האב איך געהערט פונעם פעטער, אז **רבי ישכר דוב** האט געזאגט פארן **שאמלויא'ער רב**, אז איך האב ביי מיר דעם ספר פונעם **ראב"ן**, דער **ראב"ן** איז געווען איינער פון די ראשונים, און איך זוך איינער וואס זאל מאכן א פירוש אויפן **ראב"ן**, און איר זענט א תלמיד חכם מובהק, וואס איז ראוי צו מאכן א פירוש אויפן **ראב"ן**, און ער האט אים געבעטן אז ער זאל מאכן א פירוש אויפן **ראב"ן**.

מיין פעטער האט פארציילט אז ווען מען איז געפארן אויפן באן קיין אושוויץ, האט ער געזאגט פאר די יודען אויפן באן, נישט אלעמאל האט מען די זכיה צו גיין אויף קידוש ה', מען זאל זען נישט צו גיין מיט פסול'ע מחשבות. מען זאל זיין א עולה תמימה, נישט מהרהר זיין אויף אייבערשטען.

נאך האט ער געזאגט, ער האט מחזק געווען די יודען דארט, און ער האט געזאגט, אז די ציונים האבן אונז אהערגעברענגט, ווייל מיר האבן נישט גענוג לוחם געווען אקעגן זיי. דער **שאמלויא'ער רב** פלעגט צו זאגן, על זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצא (תהלים לב-ו), מצ"א איז די ראשי תיבות, מ'זרחיסטן, צ'יוניסטן, א'גודיסט'ן.

**רבינו:** דער **שאמלויא'ער רב** האט געהאט אפגעשריבן א חיבור אויף פרקי אבות, און ער האט געזאגט, אז זייט דעם **מדרש שמואל** איז נישט געווען אזא חיבור. און ווען מען האט אים דעפארטירט, האט ער באהאלטן אלע כתבי ידות, און אלעס איז געבליבען. אבער אזוי ווי עס איז געווען זומער, און ער האט נישט געוואוסט וואו מען גייט, און אפשר וועט אים אויסקומען אונטערוועגנס צו דרשנ'ן פרקי אבות, האט ער מיטגענומען מיט זיך דעם ספר פון פרקי אבות. און די רשעים האבן געטראפן ביי אים די ספר, האבן זיי געפרעגט וואס דאס איז, האט ער געזאגט אז דאס איז זיינע שריפטן וואס ער שרייבט. איז געגאנגען א רשע, און ער האט געמאכט א פייער, און ער האט צוגענומען דעם ספר, און ער האט עס אריינגעווארפען אין פייער און פארברענט. און ער האט זיך נישט געקענט גענוג מנחם זיין אויף דעם ספר.

**הר"ר מרדכי דוב:** ווי אזוי קען זיין, אז מען גיט יעצט ארויס די ספרים פונעם **ויגד משה**. אזויפיל כתבים האט מען געטראפן?

**רבינו:** יא. מען האט אלעס באהאלטן ביי א גוי. עס איז נאך דא כהנה וכהנה, צענדליגער ספרים פון **ויגד משה**.

**הר"ר מרדכי דוב:** איך געדענק אז דער **סאמבאטהעלי רב** פלעגט אלעמאל ביי פרק נאכזאגן פונעם ברודער **רבי משה לייב**. ער האט געזאגט שיינע תורות. ער איז געווען א איידעם ביים **ויגד יעקב**.

**הר"ר משה:** פארוואס האט מען עס צוזאמגעלייגט מיטן **הגדה חודש האביב** (מהגה"ק מסערדאהעלי זצוק"ל). עס איז נישט געווען גענוג פונעם **ויגד משה**?

**רבינו: ויגד משה** איז געווען גענוג, אבער **חדש האביב** איז נישט געווען גענוג. ווייל פונעם זיידן איז נישט געבליבן קיין כתבי ידות, נאר וואס די תלמידים האבן אפגעשריבן. דער גוי וואס מען האט עס אים געגעבן צו האלטן, האט עס ארויסגעווארפען. זכותם יגן עלינו.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות שנערכה על ידי וועד הכשרות דטארטיקוב, שהתקיים באולם שיקס מענאר.

אחר השבע ברכות השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **יחזקאל שימשאוויטש** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בת הר"ר **פנחס זעליג פיש** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם אור החיים וויזניץ. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת כי תשא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, והתפלל תפלת מנחה, אחר כך מסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב התקיים השבע ברכות שנערכה על ידי **רבינו שליט"א**, לעסקני ותומכי קהלתנו ומוסדותינו הק', באולם סאמבאטהעלי. אחר שנשמעו דברי תורה על ידי הרה"ג רבי **יואל משה מרדכי** שליט"א, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. אחר ברכת המזון ושבע ברכות

נשמעו דברי בדחנות על ידי הר"ר **אייזיק קעסלער** הי"ו (תוכן הדברי תורה נדפס בגליון דברי תורה).

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** (עם השטריימעל) אצל החתונה של בן ש"ב **הרה"ג רבי יחיאל מיכל דייטש שליט"א** (בן הגה"צ רבי יחזקאל דייטש שליט"א אב"ד מקור חיים במאנסי, חתן כ"ק האדמו"ר מפאפא שליט"א) עב"ג **בת הרה"ג רבי יעקב דוב שפיטץ שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד ביסטריץ זצ"ל) שהתקיים בבית המדרש פאפא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת כי תשא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **נחום יהודא שווארץ** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרב **לוי יצחק לינדנער** שליט"א, שהתקיים באולם שמח תשמח.

אחר הבר מצוה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודה.

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של **בת הרה"ג רבי משה דוד האראוויץ שליט"א** ר"מ בישיבתנו הק', עב"ג **בן הרה"ג אב"ד קראסנא שליט"א**, שהתקיים באולם ליפשיץ. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***ערב שבת פרשת כי תשא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **מאיר מרדכי** ני"ו בן הרב **לוי יצחק לינדנער** שליט"א.

אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** להרי הקעטסקילס לשהות ב'שבת התוועדות' ביחד עם בחורי ישיבתנו הק' במלון לעיק-האוז.

*

***שבת קודש פרשת כי תשא***

לתפלת המנחה בערב שב"ק עבר **רבינו שליט"א** לפני התיבה. אחר כך נשא דברים **הרה"ג רבי מענדל פרענקל שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק') בדברי פתיחה בגודל מעלת השבת מרוממת כזו, וראוי לכל אחד לנצל השעות הנעלים של יום השבת כראוי. – בסיום דבריו מסר **רבינו שליט"א** לבחורי הישיבה שהצטיינו במסגרת המיוחד לימי השובבי"ם, סידור המפורש החדש לשבת קודש. לתפלת קבלת שבת עבר הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו מנכ"ל מוסדותינו בוומסב"ג, לפני התיבה.

בסיום התפלה אחר אמירת גוט שבת, נכנס **רבינו שליט"א** לערוך את שולחנו יחד עם תלמידי הישיבה, שעברה ברוב התרוממות הנפש, באמירת דברי תורה ובניגוני שיר ושבח ליום השבת. – בעת הסעודה השמיע דברים בנעימים **הרה"ג רבי פישל לעווי שליט"א** מנהל רוחני דישיבתנו הק', ובתוך הדברים הביע גודל הזכיה של תלמידי הישיבה שזוכים לקבל השפעה תמידית מאת **רבינו שליט"א** בכל עידן ועידן. אחר כך כיבד להבחור **שמואל לעפקאוויטש** ני"ו (בן הר"ר **יעקב יוסף לעפקאוויטש** הי"ו) באמירת דברי תורה.

במשך הסעודה והבאטע השמיע **רבינו שליט"א** שיחות קודש בדברי מוסר וחסידות מפי ספרים וסופרים בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד הראש ישיבה **הרה"ג רבי יעקב טובי' ווייזער שליט"א**. – אחר הבאטע התאספו הבחורים כל כתה וכתה עם המגידי שיעור שלהם, והמשיכו בדברי תורה ובמזמור שיר לכבוד יום השבת.

ביום השבת התפלל 'פסוקי דזמרה' לפני התיבה **הרב רבי יעקב אהרן אויש שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק'). ולתפלת שחרית ניגש **הרב רבי אברהם צוויבל שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק'). – בקריאת התורה נקנו העליות לצוות

הישיבה בעד שעות רצופים שנלמדו ע"י חשובי תלמידי ישיבתנו הק'. תפלת מוסף התפלל לפני התיבה **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק').

בסעודתא דעתיקא קדישא בצוותא חדא עם **רבינו שליט"א** דרש הראש ישיבה **הרה"ג רבי יעקב טובי' ווייזער שליט"א**. אחר כך נתכבד הבחור בנש"ק **חיים מאיר כ"ץ** נ"ו באמירת דברי תורה. אחר שזמרו ניגונים לכבוד יום השבת נתכבד הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו בברכת המזון.

לעת נטו צללי ערב הסיבו תלמידי הישיבה לסעודת רעוא דרעוין שנערכה בהתעוררות רב בחשיכה כאורה. באמירת דברי תורה האריך **רבינו שליט"א** בדברי הדרכה ומוסר לתלמידיו הנאמנים, בשאיפותיו של בחור ישיבה העומד בשנות העליה, שצריך לפרוש עצמו מכל עניני עולם הזה, ולהתעמק ולהתייגע בתורת ה', ואז זוכה שהתורה ניתנת לו במתנה.

אחר הבדלה הלך **רבינו שליט"א** לביקור אצל **הרה"ג רבי יצחק לעבאוויטש שליט"א** אב"ד וואודרידזש.

***וזה תוכן השיחה:***

**אב"ד וואודרידזש:** ברוך הבא, אזעלכע חשובע געסט.

**רבינו:** איך בין געווען דא אינדרויסן אויף שבת מיט די בחורים.

**אב"ד וואודרידזש:** די וואך אין די סדרה שטייט, ומשה יקח את האהל ונטה לו מחוץ למחנה (לג-ז). דער **אונסדארפער רב** (**הגה"צ רבי יוסף יונה צבי הלוי הורוויץ זצ"ל**, אב"ד ור"מ אונסדארף – פראנקפורט) ברענגט אין זיין ספר **חגוי הסלע**, אז משה רבינו האט נישט געוואוסט ווער עס האלט יא ביים לערנען, און ווער עס האלט נישט ביים לערנען, איז ער ארויסגעגאנגען, און ווער עס וויל טאקע לערנען וועט קומען נאך אים. אזוי האט ער געוואוסט דעם בילד. ער האט געוואלט וויסען ווער עס האלט טאקע דערביי.

**רבינו:** דער רב מאכט אים נאך, דער רב איז ארויס מחוץ למחנה.

**אב"ד וואודרידזש:** עס קאסט אסאך כוחות, עס גייט אדורך א עולם יעדע שבת. אמאל האט א רב געהאט א קהלה האט ער געוואוסט מיט וועם ער האנדלט. איך האב יעדע וואך פרישע, און איך דארף אנהייבן יעדע וואך פון דאסניי.

**רבינו:** איך בין אייך מקנא. איר זיצט דא אינדרויסן אפגעזונדערט פון די וועלט, די ספרים איז אנגעלייגט, און מען האט צייט צו לערנען און צו שרייבן.

**ונסב השיחה אודות הרה"ק משינאווע זי"ע**

**אב"ד וואודרידזש:** דער **קיוויאשדער רב** האט געדענקט דעם **שינאווער רב**, און ער האט געדענקט דעם **ראזוואדוב'ער רב**. דער **ראזוואדוב'ער רב** איז אוועק תרנ"ד, און ער איז געווען מיט אים אין באד, און זיין טאטע האט גע'חזר'ט מיט אים יעדן טאג די צורה. ער האט מיר גיזאגט, אז ער געדענקט פונקטליך די צורה פונעם **ראזוואדוב'ער רב**. דעם **שינאווער רב** האט ער נאך גוט געדענקט, דער **שינאווער רב** איז אוועק תרנ"ט.

**רבינו:** דער **קיוויאשדער רב** איז געווען עלטער פונעם **סאטמארער רב**?

**אב"ד וואודרידזש:** ממש די זעלבע. אבער דער **סאטמארער רב** איז קיינמאל נישט אנגעמען קיין שינאווע. ער האט אבער געזען דעם **שינאווער רב** ביי די חתונה פונעם **עצי חיים**, און ער האט געדענקט די צורה.

דער **קיוויאשדער רב** איז געפארן קיין שינאווע מיטן זיידען, און צום **ראזוואדוב'ער רב** האט אים די מאמע גענומען. דער **ראזוואדוב'ער רב** איז נפטר געווארן י' סיון תרנ"ד, און תרנ"ג איז ער געפארן אויף דאטשע, די אייינציגסטע מאל וואס דער **ראזוואדוב'ער רב** איז געפארן אויף דאטשע, און דער **בארנובער רב'ס** זון, זיין מאמע'ס ברודער, האט באגלייט דער **ראזוואדוב'ער רב**. האט אים די מאמע גענומען, אז ער זאל אויך אהין פארן. און ער האט געדענקט פונקטליך ווי אזוי דער **ראזוואדוב'ער רב** איז געזעסן דארט אינדרויסן אויפן בענקל.

דער פעטער האט אים געזאגט, אז פארענדיג ארויף מיטן באן אויף די בערג, איז דער **ראזוואדוב'ער רב** געשטאנען ביים פענסטער, און ער האט ארויסגעקוקט, און ער האט זיך אינמיטן אנגערופן, זעהסטו, אז מען פארדארבט נישט, קען מען זיך אויס מיט יעדן צווייגעל און מיט יעדן גרעזל.

**רבינו:** זיי זענען געווען גרויסע לייט.

**אב"ד וואודרידזש:** דער **ייטב לב** (פ' בא) שרייבט אויפן איידעם, דער **ראזוואדוב'ער רב**, חתני הרב הצדיק הקדוש המפורסם, בישראל גדול שמו. ער איז געווען א ברודער מיטן **אמרי נועם**, און מיט **רבי ישראל פון בארנוב**.

איך האב געהערט אז דער **אמרי נועם** מיטן **ראזוואדוב'ער רב** זענען אמאל אדורכגעגאנגען א בית המדרש, און מען האט געהאלטן ביי קריאת שמע, און דער **ראזוואדוב'ער רב** האט זיך געגעבן א שטעל אפ, און ער האט מיטגעזאגט קריאת שמע. האט אים דער ברודער, דער **אמרי נועם**, געפרעגט, אזוי אן א הכנה קענסטו זיך תיכף שטעלן זאגן קריאת שמע. האט ער אים געענטפערט, אז א יוד דארף זיין גרייט יעדע רגע צו קענען זאגן קריאת שמע ווען מען דארף.

וואס האט מען עפעס מחדש געווען דעם שבת?

**רבינו:** איך בין געקומען הערן.

**אב"ד וואודרידזש:** דער **לימנוב'ער רב** איז אמאל געווען ביים **צאנזער רב**, האט אים דער **צאנזער רב** געזאגט, אז ער זאל זאגען אפאר ווערטער. האט ער געזאגט, אז אהרן האט געהאט א וויכוח מיט משה רבינו אין פרשת שמיני, און אהרן האט געזאגט פאר משה רבינו א חידוש, אז עס איז א חילוק צווישן קדשי דורות און קדשי שעה, און וישמע משה וייטב בעיניו (ויקרא י-כ). האט דער **לימנוב'ער רב** געזאגט, משה רבינו האט נאך קיינמאל נישט געהערט קיין תורה נאר פונעם אייבערשטען אליין, יעצט איז געווען דאס ערשטע מאל וואס ער האט געהערט תורה פון א בשר ודם, וישמע משה וייטב בעיניו, עס איז גאנץ גוט. אזוי האט ער געזאגט פארן **צאנזער רב**.

**רבינו:** אז עס איז גוט צו הערן.

**אב"ד וואודרידזש:** דער **תפארת שלמה** (פ' עקב ד"ה ויאמר) זאגט, ואפן וארד מן ההר, וההר בוער באש (דברים ט-טו), זאגט ער, משה רבינו האט געהערט ווי דער אייבערשטער זאגט הרף ממני ואשמידם, כאטש עס איז געווען וההר בוער באש, עס איז געווען די גרעסטע גילוי אלקות, עס האט געפלאקערט די נשמה, האט ער געזאגט, איך וויל נישט דעם אייבערשטען, נאר עס איז אראפ צו יודען, און ער האט זיך מפקיר געווען פאר יודישע קינדער. אזא לשון ברענגט דער **תפארת שלמה**.

דער **חתם סופר** (ריש פ' וארא), טייטשט, אז משה רבינו האט געזאגט, למה הרעתה לעם הזה (שמות ה-כב) און דער פסוק פירט אויס, וידבר אלקים אל משה, מדת הדין, ויאמר אליו אני ה', מדת הרחמים. משה רבינו האט געקענט פארלירןביידע עולמות, אויף דעם וואס ער האט געזאגט למה הרעותה, און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, ווייל דו האסט זיך מפקיר געווען פאר כלל ישראל, וועל איך דיר מגלה זיין זאכען וואס איך האב נישט געזאגט פאר די אבות הק'. א רועה נאמן דארף זיין גרייט צו פארלירן ביידע עולמות פאר כלל ישראל.

**רבינו:** דער **חתם סופר** שרייבט אויך די וואך (ד"ה וישלך), אז משה רבינו האט משבר געווען די לוחות, ווייל אזוי ווי דער אייבערשטער איז ברוגז געווען אויפן כלל ישראל, ואעשה אותך לגוי גדול (דברים ט-יד), איז משה רבינו גרייט געווען אז ער זאל אריינגיין אין א פגם, אבי מציל צו זיין דעם כלל ישראל.

איך האב געזען שטיין פונעם **ערשטען בעלזער רב** אויך אזוי בערך, אז משה רבינו האט צובראכען די לוחות כדי עס זאל זיין אויף אים אויך א פגם. און ווען משה רבינו האט געזאגט, מחני נא מספרך אשר כתבת, האט דער אייבערשטער געזאגט, מי אשר חטא לי אמחנו מספרי (שמות לב-לג). מי אשר חטא, ווען איינער זינדיגט, לי, פאר מיינעט וועגן, אמחנו מספרי, דעם וועל איך מוחה זיין פון מיין ספר?

**אב"ד וואודרידזש:** פונעם **מיטעלן בעלזער רב** איז אויך דא אזא ווארט, אז ווען משה רבינו האט געזאגט מחני נא מספרך, האט דער אייבערשטער געזאגט, מי אשר חטא לי אמחנו מספרך, איך וועל אויסמעקן די עבירות פון יודישע קינדער. - דער **בעלזער רב** האט געזאגט די תורה ווען ער איז געווען אין שפיטאל אין די שטאט וויען. - ער האט ער אויך דעמאלטס געזאגט די תורה פון למען תספר באזני בנך ובן בנך את אשר התעללתי במצרים (שמות י-ב), אז משה רבינו איז געווען דער איינציגסטער וואס האט געקענט פארציילט יציאת מצרים די ערשטע פסח, ווייל ער איז געווען דער איינציגסטער וואס זיינע קינדער זענען נישט געווען אין שיעבוד מצרים, און פון דעם האבן זיך יודען אפגעלערנט ווי אזוי מקיים צו זיין די מצוה.

דער **קאשוי'ער רב, רבי שאול בראך**, איז געווען דעמאלטס באזוכן דעם **מיטעלן בעלזער רב** אין שפיטאל, און ער האט אים דעמאלטס פאראויס געזאגט אז ער וועט זיין רב אין דריי שטעט[א].

*

**רבינו:** ווי האט דער רב אלץ געלערנט?

**אב"ד וואודרידזש:** איך האב געלערנט אין קראסנא דעמאלטס האט דער **קראסנא רב** געמאכט א ישיבה, און איך האב געלערנט דארט צוויי יאר.

**רבינו:** דער **קראסנא רב** האט געגעבן שיעורים?

**אב"ד וואודרידזש:** יא. אבער **רבי שמואל זאב ליכטער שליט"א** (אב"ד כוונת הלב) איז געווען דער עיקר. דארט האב איך געלערנט פון די בר מצוה ביז די פופצן יאר, נאכדעם האב איך געלערנט ביי דעם **קיוויאשדער רב**, נאכדעם בין איך געווען איין זמן אין בארא פארק. ווען **רבי אהרן קאטלער** איז נפטר געווארן, איז געווען א יוד רבי יעקב, א גרויסער גדול בתורה, ער האט געפירט חבורות אין לעיקוואד, און דעמאלטס איז ער געקומען קיין בארא פארק, און מיר זענען געווען א חבורה פון בחורים וואס האבן ביי אים געלערנט אין סקווירא בית המדרש אין בארא פארק. און נאכדעם בין איך צוריק צום **סאטמארער רב**, ווי איך האב געלערנט ביי אים באלד פיר יאר סוגיות, ביז ער איז קראנק געווארן, ערב שבת פ' משפטים תשכ"ח. ער האט געהאלטן ביים פארלערנען די סוגיא פון היזק שאינו ניכר (גיטין נג.).

איך האב געלערנט ביים **קראסנא רב** מסכת שבת, און ווען מען האט געהאלטן דף יח איז ער אריינגעקומען פארלערנען די סוגיא פון שביתת כלים, דעם **רא"ש** מיט אלעם, און מיר האבן נאך נישט געוואוסט וואס עס גייט פאר. און ער האט געמוזט אויפהערן.

ווען ער האט געעפנט די ישיבה, איז געווען פרשת כי תבא, און ער האט געזאגט, אדם יורד לתוך שדהו ורואה תאנה שביכרה, כורך עליו גמי. האט ער געזאגט, אז ער האט מרביץ תורה געווען אין יוראפ פאר די קריג, און יעצט נאכן קריג האף איך נאכאמאל מרביץ תורה צו זיין, איז עס א בחינה פון כורך עליו גמי.

אייער טאטע ז"ל פלעגט אסאך קומען צו אים.

**רבינו:** דער **קראסנא רב** איז געווען א איידעם ביים **שאמלויא'ער רב**.

**אב"ד וואודרידזש:** דער **קראסנא רב** האט געשריבען דעם פייערדיגען בריוו אין געטא, אז ב' שבועות תש"ד ווען מען האט אים געפירט קיין אושוויץ, איז די טאכטער פונעם **שאמלויא'ער רב** צוגעקומען, און זי האט געפרעגט צו זי מעג אויספאפן דעם טאטן, און אים געבן חלב עכו"ם. עס איז געווען סכנת נפשות, און עס איז נאר געווען חלב עכו"ם. האט ער איר געזאגט, אוודאי על פי הלכה מעג מען, אבער א פה קדוש וואס האט זיך אזוי אזויפיל מייגע געווען אויף תורה, ווי קען מען אריינלייגען אין מויל חלב עכו"ם.

דער **קראסנא רב** איז געווען פארנומען נאך די קריג מיט היתר עגונות, לא יאומן כי יסופר. עס איז א באקאנטע זאך, אז ער האט געזאגט אויף זיך, אז ער האט נישט געהאט קיין איין מכשול. דער **קלויזענבורגער רב** איז געווען אין פערנוואלד, און ער איז געווען אין לאנדסבערג, וואס איז איינס נעבן אנדערן. עס איז געדריקט אין ספר **רני עקרה**, אז עס איז געווען א אסיפת הרבנים, און דער **קראסנא רב** האט געזאגט, עס שטייען דא טויזנטער יודישע קינדער וואס ווארטן אז מען זאל זיי מתיר זיין אז זיי זאלן קענען חתונה האבן, וואס טוט מען נישט פאר

---

[א] עיין בספר **שאול בחיר ה'** (דף לח), שבעת ששהה **הרה"ק מבעלזא זי"ע** בבית החולים בוויען, מסר **הרה"ק רבי שאול בראך זי"ע** קוויטל **להרה"ק מבעלזא זי"ע, והרה"ק מבעלזא** אמר לו בזה הלשון: ישמע הרב ממאגנדארף, אדם צריך להיות חזק בבטחונו בה' ולא להתייאש אפילו הוא נמצא במצב מאד קשה, ואפילו אם האדם נחלה במחלה קשה מאד, ומובילים אותו לעיר הבירה וויען, ומכניסים אותו לבית החולים זה, ואל חדר זה, ולמטה זו, בכל זאת אל יתייאש, כי אחרי כל זה הוא יכול להבריא בעזהשי"ת לגמרי, ולהתקבל אחר כך לרב בעיר גדולה, ואחר כך אפילו לעיר ואם בישראל עכ"ל. כמובן שדברי **הרה"ק מבעלזא** היו כחידה שלא הבינם כלל.

עברו שנים, **והרה"ק רבי שאול בראך זי"ע** נחלה מאד, והובילו אותו לוויען, והכניסו אותו לבית החולים, ולחדר, ולמטה, שם שכב **הרה"ק מבעלזא**, והבין שיתרפא ממחלתו. - שנים אחרי כן נתקבל לאב"ד בעיר קראלי, ואז הבין דבריו הראשונים של **הרה"ק מבעלזא**, שאחרי מחלה קשה יכולים עוד להיות רב בעיר גדולה. וכשנבחר להיות רב בעיר קאשוי, הבין סוף דברי **הרה"ק מבעלזא** וכוונתו לעיר ואם בישראל ע"ש.

יודישע קינדער. האט ער געזאגט, ווען עס וועט קומען לאחר מאה ועשרים און מען וועט מיר צווייזען אז איך האב מיר טועה געווען, וועל איך אנטון א גארטל און אריינשפרינגען אין גיהנם פאר יודענס וועגן. און ער האט געבעטן, אז אויב מען וויל זיך נישט צושטעלן צום היתר, אבער די גביית עדות און אלע אנדערע זאכן, כאטש אזויפיל זאל מען אים צוהעלפן.

**רבינו:** ער פלעגט צו דרשנ'ן אין לאנדסבערג ביי א יעדע חופה ווי ער האט מסדר קידושין געווען. עס איז געווען נייע פארפעלקער צובראכענע נשמות, און ער האט געהאלטן א דרשה אונטער די חופה פאר חתן כלה, אז מען זאל זיך פירן אויפן יודישן וועג.

**אב"ד וואודרידזש:** איך האב געהערט פון די מומע, די קראסנא רעבעצין, אז זיי האבן געהאט א חשבון, אז ווי ער האט מסדר קידושין געווען נאך די קריג, איז נאך א יאר געווען זרע של קיימא.

ער אליין האט נעבעך נישט געהאט קיין קינדער, ער האט מתפלל געווען אסאך תפלות. ער איז אמאל געווען ביים **בעלזער רב** אין פעסט, און ער האט פארשטאנען פון די ברכה, אז ער וועט נישט האבן קיין קינדער מער. ווען ער האט זיך מזכיר געווען, האט אים דער **בעלזער רב** אנגעוואונטשען, אז ער זאל קענען ווייטער מעמיד זיין תלמידים, האט ער פארשטאנען אז ער וועט נישט האבן קיין קינדער.

**רבינו:** ער האט געלעבט מיטן זיווג ראשון בערך צוואנציג יאר, און ער האט נישט געהאט קיין קינדער. מיין טאטע ז"ל האט מיר געזאגט, אז ער האט אים אמאל געזאגט, אז איך האב אלץ תולה געווען אז זי איז שולדיג, און איך האב מיך אלץ געערגערט אויף די שידוך וואס איך האב געטון, אבער איך האב יעצט חתונה געהאט מיט א בת בנים, זעה איך אז ..

**אב"ד וואודרידזש:** עס איז דא א קוויטל פונעם **שאמלויא'ער רב** צום סבא קדישא **רבי שלמה אליעזר אלפנדרי**, ווי ער איז מזכיר זיין איידעם, דעם **קראסנא רב**, אז ער זאל האבן זרע של קיימא.

**רבינו:** דער **חתם סופר** אליין שרייבט אויף זיך, אז ער האט קיינמאל נישט איינגעריסען. אויך זיין רבי **ר' נתן אדלער** האט זיך אזוי געפירט.

**אב"ד וואודרידזש:** דער **סאטמארער רב** איז אויך געווען ביים **בעלזער רב** תשי"ב. און דער **בעלזער רב** האט זיך אנגערופן צו אים מיט א לשון, 'מיר האבן אויך נישט'...

**רבינו:** דער **קאמארנער** שרייבט אויף א פלאץ, אז די צדיקים וואס האבן נישט געהאט קיין קינדער, זענען אראפגעקומען פאר די וועלט, און נישט פאר זיך.

**אב"ד וואודרידזש:** דער **חפץ חיים** האט געזאגט אויף **רבי חיים עוזר**, ווען ער האט פארלוירן א איינציגע טאכטער, אז אויב עס איז שוין אזוי געשען, אז ער האט שוין פארלוירן, איז אזוי בעסער פאר כלל ישראל. אזוי האט מען נישט קיין שיעבוד, און מען קען זיך אוועקגעבן פארן כלל.

**רבינו:** פארוואס איז דער רב נישט מסדר די חידושים אויף ארויסצוגעבן?

**אב"ד וואודרידזש:** איך בין יא מסדר, עס איז נישט דא ווער עס זאל עס דריקן.

**רבינו:** אין אמעריקא איז דאס נישט דער פראבלעם.

**אב"ד וואודרידזש:** וואס טוט זיך מיטן **ויגד משה** ווייטער?

**רבינו:** עס איז שוין ארויסגעקומען.

**אב"ד וואודרידזש:** עס איז שוין דא ווייטער אויף במדבר און דברים?! איך קוק אריין דערין יעדע וואך.

**רבינו:** עס איז אויך ארויסגעקומען אויף פרקי אבות, און אויף תהלים.

**אב"ד וואודרידזש:** דער טאטע (הגה"צ מסאמבאטהעלי) האט געשריבן שיינע הקדמות. יעדע הקדמה איז מתוק מדבש. וואס נאך איז דא אלץ פונעם **ויגד משה**?

**רבינו:** עס איז דא נאך אפשר צוואנציג בענדער, אויף אלע מקצועות שבתורה. תשובות און סוגיות, און אויף מועדים.

**אב"ד וואודרידזש:** ווי אלט איז ער געווען ווען ער איז נסתלק געווארן.

**רבינו:** זיבן און דרייסיג יאר.

**אב"ד וואודרידזש:** ער איז געווען פון די יחידי סגולה. עס איז געווען אפאר יחידים, אזעלכע יונגעלייט. איך זאג שיעורים אויפן טעלעפאן, איך וויל רעדן פון די יחידי סגולה יונגעלייט וואס זענען

געוועז פארן קריג, וואס האבן קונה געווען א געוואלדיגע שלימות.

**רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפען מען זאל קענען זיך צוזאמקומען מתוך שמחה וטוב לבב, און קענען מרביץ תורה זיין מיט הרחבת הדעת.

*

כשעה אחר הבדלה נכנס **רבינו שליט"א** לסעודתא דדוד מלכא משיחא. אחר שזימרו זמירות למוצאי שבת השמיע הרב **שאול יצחק ראבינאוויטש** שליט"א דברי חיזוק לבחורי הישיבה. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי פישל לעווי שליט"א** מנהל הישיבה. אחר כך עמדו כל הקהל בריקודים של שמחה בתופים ובמחולות.